STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01983

# KINDER KLANGEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַ ווארט פון דער פארוואלטונג

די פארוואלטונג פון דער וויליאַמסבורגער פאָלקס-שול באַגריסט האַרציג די קינדער, די עלטערען, די לערערין און אלע טוער פון דער שול צו אונזער היינטיגען יום טוב. עס איז ביי אונז ווירקלאַך אַ גרויסער יום טוב. נאָך צוויי מיט האַלב יאר פון שווערע אַרבייט, און גרויסער אָנ-שטריינגונג - קענען מיר זען, די דערגרייכונגען פון די קינדער פון אונזער שול. קינדער קלאַנגען אזוי רופען מיר אַן אונזער ערשטע אויסגאַבע „פון קינעדר שאפונגען". מיר זעען אין דעם אָנפאַנג פון אַן אויסגאַבע, וואס זאָל אָפשפיגלען די קינדערס וויסען אויף די פערשידענע געביטען פון אונזער שול פראגראם, און זאָל זיין אַ קוואל פון בעגייסטערונג און אינספיראַציע פאר דער ווייטערער אַנטוויקלונג און ווייטערע אויס-בילדונג פון אונזערע קינדער.

פיל מי און זאָרג קאָסט אונז יעדער טריט פאראויס וואס די שול מאַכט דורך אין איר אנטוויקלונג. שווער איז אונזער אַרבייט אין אַ סביבה פון קולטורעלער גלייכגילטיקייט. — דאָס אַלץ איז אָבער ווערט, ווען מען זעט די פרוכט פון דער ארבייט. עס וואקסט דאָך די נייע מאָדערנע אידישע שול, אַ דאַנק דער אונערמידליכער אַרבייט פון איינגע קרייזן פון איבערגעגעבענע טוער. און ווען מיר הערען די „קינדער קלאַנגען" ווערט ליכטיגער און ווארימער אויף דער נשמה, וואקסט דער מוט, עפענען זיך ברייטערע מעגליכקייטען, זיכערער ווערען די פּערס-פּעקטיווען, און מיט פעסטע טריט טראגען מיר ווייטער דעם יונגען וועזן פון אונזער שול אַרבעט צו אַלץ גרעסערע דערגרייכונגען און ערפאָלג-רייכע אויפטיאונגען אין דער נאָענטער צוקונפט.

אונזער קרייז איז ניט געשלאָסען. נייע פריינד, נייע טוער, נייע אַרויסהעלפער זיינען אונז שטענדיק ווילקאָמען, ווייל אונזער פארנעם איז גרויס. מיר ווילען די „קינדער קלאַנגן" פאַרוואַנדלען אין מעכטיגע שטימען, וועלכע זאָלען, לאַזען הערען דעם רוף פון דעם מאָדערנעם, פרייען אידען.

קומט, אַלע די באַ וועמען די ארבייט פון מאָדערנער אידישער דערציאונג איז טייער, באַ וועמען די אַרבייט איז ליב, באַ וועמען דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער בעפרייאונג איז הייליג - קומט און לאָמיר אַלע צוזאמען, בויען די מאָדערנע אידישע פאָלקס שול.

# צו די עלטערן.

חשובע פריינט,

מיט פרייד טראָגן איך איצט, אייערע קינדער, צו אט די מתנה, דעם זשורנאַל „קינדער קלאַנגען", זייערע שאפונגען. בא דער געלעגענהייט ווילן מיר זיך אויך דערלייבן אייך צו זאָגן עטלאכע ווערטער.

די, קינדער, האָבן אָן ספק, געמאַכט באדייטענדן דערפאָלג אין זייער אַרבעט.

מיר שטעלן זיך אָבער ניט צופרידן מיט די דערגרייכונגען, וויסענדיק, אז זיי וואלטן פיל מער געקאָנט אויפטאָן, ווען איר די עלטערן, וועמעס קינדער ס'קריגן אַ אידישע דערציאונג אין אונזער שול, וואָלטן אונז געקומען צו הילף אין דער אַרבעט.

ס'איז זייער נוטיג אז ס'זאָל זיין אַן ענגער בונד צווישן דער שול און דער היים, אז די עלטערן זאָלן קומען אין שטענדיקער בארירונג מיט דער אידי־שער שול, די צווייטע היים פון דעם אידישן קינד.

דער מיט וואָלט איר פיל פאַרגרעסערט דעם דערפאָלג פון אייערע קינדער אין דער שול אַרבעט.

ס'איז זייער וויכטיג, אז אייער קינד זאָל האָבן אַ פאַסיקע אידישע סביבה.
דאַרף עס דערפאַר זיין אין די אינטערעסן פון יעדן אידישן פאטער און מוטער, אז די שכנישע קינדער, דעם קינדס חברים און חברטעס זאָלן אויך קריגן אַ נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע אידישע דערציאונג. — כדי דאָס קינד זאָל האָבן אַזאַ סביבה.

ווען איר טרעפט זיך מיט אייערע שכנים, פריינט דערציילט זיי וואס מ'לערנט אין דער אידישער פאָלק שול, וואס אייער קינד האָט אויפגעטן פאַר דער צייט פון זיין לערנען אין דער ווילִיאַמסבורגער שול און צו וואס אונזער שול שטרעבט.

דערציילט זיי, אז אין דער ווילִיאַמסבורגער פאָלק שול לערנט מען מיט די קינדער אידיש, העברעאיש, אידישע געשיכטע, חומש, אידישע און העברעאישע קינדער לידער, אַרבעטער און פאָלקס לידער.

אין דער אידישער פאָלק שול ווערט דאָס קינד באַקאַנט מיט אַלע שיינע אידישע מנהגים, ס'ווערן געפייערט די נאַציאָנאַלע אידישע און אַרבעטער ימים טובים.

דאָס קינד ווערט באַקאַנט מיטן לעבן פון די אידישע מאסן אין די גלות לענדער און ארץ ישראל.

אין דער אידישער פאָלק שול ווערט דאָס קינד דערצויגן אַלס געזעל־שאַפטליכער מענטש מיט אַ באַציאונג צו אידישע פראַגן און אַן אינטערעס פאַר אַ אידיש געזעלשאַפטליכן לעבן.

ס'וועט זיך אייך זיכער לוינען די מי וואס איר וועט זיך געבן. אייער קינד אַליין וועט דער פון פיל געווינען.

קומט נעענטער צו דער שול און איר וועט קריגן גרעסערע און שענערע מתנות פון אייערע קינדער.

ש. האָפמאַן
לערער

## ליבע טייערע קינדער פון דער ווילי‌אַמסבורגער פאָלק שול !

מיט פארגעניגן נעם איך די פען אין האַנט, כדי אַריינצושרייבן עטלאַכע באגריסונג - ווערטער אין אייער זשורנאַל „קינדער-קלאַנגען“. איך באַגרים אייך האַרציק צו אייער איצטיקן יום טוב, ווינטש אייך הצלחה אין אייערע לימודים אין די קומענדע זמנים און בעט און האָף, אַז די ליבשאַפט וואס איר האָט צו אייער שול זאָל אויך איבערגיין צו אייערע עלטערן און אייערע אַנדערע דערוואַקסענע פריינט.

עס פארדריסט מיך וואס ס'איז מיר ביז איצט נאָך ניט אויסגעקומען זיין ביי אייך אין קלאַס און פון נאָענטן זיך באַקענען מיט אַייך און מיטן אופן פון אייער לערנען. נאָר כאטש איך בין ביי אייך נאָך ניט געווען ווייס איך פון דעסטוועגן ווי אזוי איר לערנט זיך און ווי אזוי איר באַנעמט זיך אַ קעגן אייער שול. איך ווייס, אז, ארום און ארום, לערנט איר זיך גאר ניט שלעכט אויפטוענדיג פיל סיי אין אידיש, סיי אין העברעאיש, סיי אין חומש און סיי אין אידישע היסטאָריע. איך ווייס אויך אַז איר האָט ליב אייער שול. און איך קען אַייך גאָר ניט ארויסגעבן אויף וויפיל דאָס אַלץ פרייט מיך. און מיט דעם אַלעמען באַגרים איך אייך פון טיפסטן האַרצן.

אסך מער, קינדער, ווי איך קען אַייך קען איך אייער ליבע לערערין, חברה האָפמאַן. אז וואויל איז אייך, קינדער, וואס איר האָט אזא גוטע, איבערגעגעבענע, ערנסטע לערערין. וואס קיין זאַך איז איר ניט צו שווער און קיין שטרויכלונג האַלט זי ניט אָפּ — און אַלץ פאר אייך קינדער, און פאר אייער שול.

מיין איינציקער פארדראָס, ביי אייער איצטיקן יום טוב, איז וואס אייער ליבע לערערינס גאָלדענע אַרבעט ווערט אַזוי ווייניק אָפּגעשאַצט פון די אידן פון דעם געגענד ארום דער שול. נאָך ערגער איז וואָס די שול האָט אַזוי ווייניק טוער, אזוי ווייניג פריינט און העלפער און וואס אפילו די עלטערן אַליין שטריינגען זיך אזוי ווייניג אָן די שול ווי געהעריג איז אַוועקצושטעלן.

איז דערפאר, קינדער, באגריסנדיק אייך, וויל איך אייך אויך הזעקן, אַז איר זאָלט זען פארגרעסערן דעם קרייז פריינט אין אייער שול. אין אונזער אידישן לעבן קומט אָפט פאר, אז דארט ווי די גרויסע זיינען הינטערשטעליק, טוען די קליינע די אמת'ע אַרבעט. דאריבער קינדער, וועקט אייערע עלטערן און אייערע אַנדערע גרויסע פריינט, דערציילט זיי פון אייער שול, דערציילט זיי וועגן דעם שיינעם גייסט וואָס הערשט אין דער שול: דערציילט זיי מכח די וואונדערליכע זאכן וואס איר לערנט אין קלאַס; דערציילט פון דער טייערער, ליבער ארבעט פון אַייער לערערן. דערציילט ווייט און ברייט, וואס פאר אן אוצר אייער שול איז! אפשר וועט דאָס העלפן און עס וועלן זיך פאר דער ווילי‌אַמסבורגער פאָלק שול שוין אָנהויבן בעסערע צייטן.

**יואל ענטין.**

# ※ קינדער שפּאָנונגען ※

## מיינע בעסטע פריינט

אפשר ווילט איר וויסן ווער מיינע בעסטע פריינט זיינען ? וועט איך באלד הערן. זיי זיינען צוויי וואס היטן אַלע מאָל אַז איך זאָל זיין געזונט.

איינע גיט מיר עסן, וואַשט מיך און פוצט מיך, פירט מיך אין שול צו דער פיאַנאָ לערערן און איינער אַרבעט שטענדיק כדי מיר זאָלען האָבן אַלע זאַכן. אַ מאָל ווען זיי האָבן צייט פאָרן זיי מיט מיר אין פּאַרק. זיי ווייזן מיר אַלע שיינע זאַכן. לאָזן מיך פאָרן אַף די פערדלאַך, צאָלן געלט און איך האָב הנאה. איצט ווייסט איר ווער מיינע בעסטע פריינט זיינען?

כ'בין זיכער, אַז איר ווייסט, דאָס זיינען מיינע טייערע עלטערן. זיי זאָלן לאַנג לעבן.

ברכה קאָמיטאַ
קלאַס א - 2

## פאַרבלאָנדזשעט

איין מאָל בין איך געגאַנגען אין פּאַרק האָב איך געזען אַ קליינע מיידעלע, דאָס מיידעלע האָט געוויינט האָב איך געפרעגט, וואס וויינסטו מיידעלע? און זי האָט געזאָגט איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. האָב איך געפרעגט דאָס מיידל וואו זי וואוינט און איך האָב זי גענומען אַ היים צו איר מאמען. איר מאמע האָט מיר געדאַנקט און געזאָגט אַז איך בין אַ גוט מיידל.

פון יהודית שטיין
9 יאר אַלט, קלאַס א - 1

## בראַווע אינגלאַך

מיינע פריינט משה, קלמן און איך זיינען געגאַנגען אַף אַ שפּאַציר אין וואָלד מיר האָבן פאַרבראַכט זייער גוט דאָרט. ווען מיר האָבן גענומען גיין אַהיים איז מיט אַמאָל געוואָרן נאָכט און דערצו איז נאָך אַראָפּ אַ גרויסער רעגן. מיר זיינען צוגעלאָפן צו אַ בוים און זיך געשטעלט אונטער אים.

דער רעגן האָט אַ ביסל אויפגעהערט און איך האָב געזאָגט אַז איך מיט קלמנען וועלן גיין זוכן האָלץ צו מאַכן אַ פייער צו דערוואַרימען זיך און אויסטרוקענען אונזערע קליידער. מיר זיינען געגאַנגען אַ ווייַלע זוכענדיק האָלץ. אָבער פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ קול פון אַ ווילדער חיה און מיר האָבן געוואוסט אַז אַ טיגער קומט. מיר האָבן גענומען ווי בראַווע קינדער פּאַרטייַדיגן זיך. איך האָב גענומען אַ שטיק האָלץ אַ גרויסן, און מיין פריינט אַ שטיין אַ שווערן, דער טיגער איז געלאָפן צו מיר און קלמן האָט געוואָרפן דעם שטיין און דעם טיגער פאַרוואונדעט. איך האָב גענומען אַ שטיק האָלץ און געוואָלט אים דערהרגענען, פּלוצלונג דערהער איך מיין מאַמעס קול: „אליהו לאָז אָפּ די קושן דו צערייסט זי".

אליהו לוסטיג
11 יאר אַלט, קלאַס ב - 2

## אַ פייערמאַן

איינמאָל האָב איך געחלומט אַז איך בין אַ פייערמאַן, אַ שול האָט געברענט איך בין געגאַנגען צו דעם פייער. איך האָב אַלע קינדער געראַטעוועט. דער פייער דעפּאַרטמענט האָט מיר געגעבן אַ גאָלדענעם מעדאַל. דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב געטראַכט הלואי וואָלט איך טאקע געווען אַ פייערמאַן מיט דעם גאָלדענעם מעדאַל.

משה סאַלאַוויי קלאַס א - 1

## כ'בין אַ יעגער

איך האָב געזען אַ יעגער. ער איז געקומען אין וואַלד צו שיסן ווילדע חיות. איינמאָל ווען ער איז געווען אין וואַלד איז אַ טיגער ארויס גע־שפרונגען פון צווישן די גידעכטע בוימער און ארויפגעשפרונגען אויפ'ן יעגער און אים אנידער געווארפן. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אוועקגענומען זיין ביקס און דערשאָסן דעם טיגער.

דער יעגער איז געווען פארוואונדעט איך האָב גערופן אַ דאָקטער ער האָט אים פארבאנדאזשירט זיין פוס און געזאָגט אז ער דארף ליגן אין בעט. איך האָב אים געזאָגט אז איך וועל שיסן חיות פאר אים.

איך בין ארויסגעגאנגען און דער־הרגעט אַ טיגער און דערנאָך אַ לייב. ווען איך בין געקומען צום יעגער'ס הויז און אים געצייגט די פעל איז ער געווען זייער צופרידן. ער האָט מיר געזאָגט אז איך זאָל פארקויפן די פעל און קריגן געלט, ווען איך האָב פאר־קויפט די פעל בין איך געקומען צום יעגער'ס הויז, האָב איך אַנגעקלאַפט אין טיר — פלוצלונג האָב איך זיך אויפגעכאַפט און געזען אז ס'איז אַ חלום.

חיים העלבאַן

11 יאָר אַלט, קלאַס ג 2

## משה

משה איז געווען אַ גרויסער איד און ליב געהאַט פרייהייט. די אידן זיינען געווען שקלאַפן און משה האָט גע־טראַכט ווי צו באַפרייען די אידן. משה איז נישט געווען קיין שקלאַף. איינמאָל האָט ער געזען אַ מצרי שלאָגענדיק אַ אידן האָט ער דעם מצרי געהרגעט. דער נאָך האָט ער געזאָגט צו די אידן איר מוזט זיך באַפרייען. זיי האָבן זיך געוואונדערט ווי קענען מיר זיך באַ־פרייען? מיר זיינען געווען שקלאַפן עטלאַכע הונדערט יאָר.

משה איז געגאַנגען מיט זיין ברודער אהרן צום קעניג און געזאָגט באַפרייט די אידן. אוממעגליך האָט דער קעניג געענטפערט. משה און זיין ברודער זיינען געגאַנגען צום קעניג אַ סך מאָל. אָבער ער האָט אַלץ נישט געוואָלט באַפרייען די אידן.

נעמט אייערע זאַכן און מיר וועלן פאַרלאָזן מצרים האָט משה געזאָגט צו די אידן. איין נאַכט זיינען אַלע אידן ארויס פון מצרים. משה איז געווען דער פירער פון די אידן. משה האָט די אידן געלערענט צו זיין גוט און ערלאַך משה האָט די אידן געגעבן די תורה. ווען משה איז געווארן אַלט האָט ער געזאָגט איך בין אַלט און איך וועל באַלד שטאַרבן. יהושע בן נון זיין תלמיד איז געווארן פירער נאָך אים.

שלום קאַס

11 יאָר אַלט

## מיין גוטע משפחה

איך האָב אַ לאַנגע צייט געוואָלט אַ ליאַלקע מיט אַ וועגעלע, איין מאָל האָט מיין באָבע געבראַכט צו טראָגן אַ ליאַלקע. איך האָב געשפּילט מיט דער ליאַלקע און געווען פריילאַך, מיין מאַמע האָט מיר געקויפט אַ שיינעם מאַנטעל, מיין מומע אַ שיין קלייד און יעצט האָב איך אַ שיין וועגעלע פאר מיין ליאַלקע מיין באָבע האָט מיר געקויפט, אַלע האָבן געהאָלפן מאַכן מיין וועגעלע שיין. מיין מאַמע האָט געמאַכט אַ שיינעם צודעק און מיין אַנדערע מומע האָט מיר געקויפט אַ גאַנצן סעט מיט זאַכן פאר מיין לאַלקע און איך בין געווען זייער פריי־לאַך און געוואוסט אז אַלע פון מיין משפחה האָבן מיר ליב, איך האָב זיי אויך זייער ליב.

פריידל זומער

9 יאָר אַלט, קלאַס א - 2

## די נביאים

שוין מיט אַפאַר טויזענט יאָר צוריק האָבן די נביאים געלערנט דאָס אידישע פאָלק זאַכן וואָס ביזן היינטיגן טאָג איז נאָך ווייט, ווייט פון זיין דורכגעפירט, די נביאים, די אַרבעטער פריינט פון אַמאָל, האָבן געוואָלט אַז אין אידישן לאַנד זאָל פליסן גוטסקייט, ערליכקייט, יושר, און שלום. אָבער דאָס איז זייער שווער דורכצופירן.

כאָטש זיי זיינען געווען אַזעלכע גרויסע מענטשן, האָבן זיי, ווי געוויינטלאַך געשטאַמט מערסטנס פון די אָרימע און אונטערדריקטע אין לאַנד. זיי זיינען געווען אפשר די בראַווסטע מענטשן וואָס די וועלט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. ווייל אין אַ צייט ווען דעם קעניג און שרים האָט מען געהאַלטן פאַר כמעט ווי הייליגע מענטשן האָבן זיי געוואַגט אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם די הייליגע. נתן הנביא האָט געזאָגט דודן אַז ווייל ער האָט פאַנאָסן אַזוי פיל בלוט טאָר ער ניט בויען דעם בית - המקדש. אליהו האָט געוואָרנט אַחאבן אַז גאָט וועט אים באַשטראָפן פאַר זיינע גרויסע זינד. די נביאים האָבן געזען אַז די רייכע קריגן זייער גאַנץ פאַרמעגן פון דעם שוויים און בלוט פון די אָרימע וואָס אַרבעטן פאַר זיי און דערנאָך בעהאַנדלען זיי זיי ווי זייערע שקלאַפן און אייגענטום. די ריכטער האָבן געמשפּט פאַלש. אַ מענטש האָט געמעגט זיין שולדיק אָבער אַז ער האָט געגעבן אַסך ציגזן, מתנות, אָדער כאַבאַר איז ער געווען אומשולדיג. ווען זיי האָבן נאָר געקאָנט האָבן די רייכע געגעבן אַ פאַלשע מאָס אָדער געטאָן נאָך אַזעלכע זאַכן ביי וועלכע זיי זאָלן קאָנען קריגן נאָך אַ ביסל לוקסוס פאַר זיך.

דאָס פאָלק האָט מורא געהאַט עפּעס צו זאָגן די מלוכה - פירער אָבער די גרויסע נביאים האָבן ניט מורא געהאַט, נאָר געזאָגט דעם אמת די רייכע אין די אויגן. די גרויסע נביאים ווי אליהו, עמוס, הושע און אַנדערע האָבן געזאָגט אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלן גוט חרטה האָבן אויף זייערע זינד און זיי זאָלן בעסער פאַריכטן זייער שלעכטיקייט איידער עס איז צו שפּעט. אָבער מען האָט זיי נישט געהערט נאָר זיי באַשטראָפט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד, אָבער די נביאים זיינען ווידער אַמאָל צוריקגעקומען און ווידער געוואָרנט די מענטשן, עס האָט ניט געהאָלפן און מלכות ישראל איז אונטער געגאַנגען אַזוי ווי די נביאים האָבן נביאות געזאָגט.

מיט וואָס קאָן אַ פאָלק מער שטאָלצירן ווי מיט דעם וואָס עס האָט געהאַט אַזעלכע גרויסע נביאים ווי אליהו, עמוס, ירמיהו, און ישיעהו ? דער גרויסער אליהו וועלכער האָט באַוויזן מיט מופתים אַז אַלע אָפּגעטער זיינען פאַלש און וועלכער, ווי אויך אַלע אַנדערע נביאים האָט געלערנט ערליכקייט און גערעכטיקייט. ירמיהו וועלכער האָט געטרייסט דאָס פאָלק ווען יהודה איז חרוב געוואָרן דורך בבל. און ישיעהו וועמענס אידעאַל פון שלום איז געווען, אַז אַ לייב מיט אַ מענטשן וועלן קאָנען גיין צוזאַמען ווי גוטע פריינט. און ער האָט געלערנט די אידן ווי אַזוי צו מאַכן אַז אַזא צייט זאָל קומען וואָס שנעלער .

אָבער כאָטש די וועלט האָט פאַרמאָגט אַזעלכע גרויסע לערער דאַרף איז זי נאָך אַזוי אומערלאַך און פיל מיט מהומות ווי מיט אַ פאַר טויזענט יאָר צוריק עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ קלאַס רייכע וואָס לעבן אין גרויסן לוקסוס דורך דעם שוויים פונם אַרבעטער קלאַס, וואָס האָט קוים גענוג אויף ברויט צו עסן. און די זעלבע רייכע זוכן אפילו אַזעלכע וועגן ווי מלחמות, וואו טויזענטער אומשולדיגע מענטשן קומען אום. אַבי זיי, די רייכע זאָלן נאָך רייכער ווערן.

לאָמיר האָפן אַז אין גיכן וועט קומען אַ צייט פון ערליכקייט און שלום ווען אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך. לאָמיר ניט פאַרגעסן די ווערטער פון אונזערע גרויסע נביאים צו קעמפן געגן די רייכע און זייער אומרעכט און דערמיט העלפן אַז יענע צייט זאָל קומען וואָס שנעלער.

חיה טשורנאַוווסקי
14 יאָר אַלט, קלאַס ג 2.

## אַ יתום

איינמאָל אין אוונט בין איך געגאַנ־גען אין גאַס פּלוצלונג דערהער איך אַ קול פון אַ קינד וואָס וויינט. איך האָב זיך דערשראָקן און ווען איך בין צוגע־קומען נעענטער האָם איך געזען אַ אינגל שטייט און וויינט. האָב איך אים געפרעגט וואָס וויינסטו. ער האָט ניט געוואָלט ענטפערן. איך האָב אים געבעטן אָבער ער האָט געשוויגן און געקוקט אויף מיר דערנאָך האָט ער מיר וויינענדיק געענטפערט איך בין הונ־געריק, מיין מאַמע איז געשטאָרבן דער טאַטע גייט אַרבעטן און די שטוב איז פאַרשלאָסן.

איך האָם אים אַהיים גענומען און אים געגעבן עסן. איך האָב געוואוסט אַז מיין מאַמע וועט ניט שרייען אויף מיר.

פון דעמאָלט אָן זיינען מיר געוואָרן גוטע פריינט, איך האָב געזען אַז ער איז אַ גוטער און ליבער אינגל זייער אַ פלייסיגער דער בעסטער אין קלאַס. אַלע האָבן אים ליב די לערער אין שול און די מענטשן אין גאַס. זיין פאָטער איז זייער גליקלאַך וואָס ער האָט אַזאַ גוט אינגל. אַלעמאָל האָט ער געזאָגט, ווי גוט ס'וואָלט געווען ווען זיין מוטער וואָלט געלעבט.

מלכה טשודנאָוסקי
9 יאָר אַלט, קלאַס ב - 2

## מאָרים ראָזענפעלד

מאָרים ראָזענפעלד איז געווען אַ באַרימטער אידישער דיכטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1862 אין סובאַל־קער גובערניע, רוסלאַנד.

ער האָט געשריבן אין צייטונגען און אויך ביכער.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקאַ איז ער געווען אַן אַרבעטער אין שאַפּ. ער איז געווען אַן אַרבעטער פריינט. ער האָט געשריבן אַ סך פּאָעמעס וועגן אַרבעטערלעבן. ער באַשרייבט די שווע־רע לאַגע פון די אַרבעטער, אין זיין צייט.

אין זיינע פּאָעמעס „מיין אינגעלע" „דער בלייכער אָפּרייטער", „דער אַל־טער שניידער", און „אין שאַפּ און אין דערהיים", קען מען זען די שווערע לאַגע פון די אַרבעטער.

אין „מיין אינגעלע" באַקלאָגט ער זיך אַז ער זעט זיין קינד זעלטן, ווייל ער גייט צו דער אַרבעט זייער פרי און קומט אַהיים שפּעט. אין די אַנדע־רע פּאָעמעס צייגט ער אונז ווי אוים־געמאַטערט די אַרבעטער זיינען. ווי שווער זיי אַרבעטן.

ס'איז נאָך איצט דאָ ניט קיין גע־דרוקטע פּאָעמעס זיינע און מיר האָפן זיי באַלד צו זען.

היינטיקע וואָך איז געווען זיין יאָרצייט. מיר האָבן אין שול גערעט וועגן אים און זיינע לידער.

גרשן העלבאַן
12 יאָר אַלט — קלאַס ג - 2

## דוד דער קלוגער

דריי אַ זייגער זיינען די קינדער גע־קומען פון שול זיי האָבן זיך געשפּילט מיט דעם ניי געפאַלענעם שניי אין איין גרופּע זיינען געגאַנגען דריי קינדער, דוד, רחל און מלכה ווען זיי זיינען גע־קומען צו אַן ענגער גאַס איז אויפן ראַג געשטאַנען אַן אַלטע פרוי, זי האָט גע־וואָלט אַריבערגיין. אָבער זי איז געווען אַזוי שוואַך און די אַטאָמאָבילן אַזוי שנעל. דוד איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער פרוי און איר געפרעגט, ווילסטו אַריבערגיין? האָט זי געענטפערט, יאָ.

ער האָט די אַלטע פרוי אַריבער גע־נומען

ווען ער איז צוריק געקומען צו די קינדער האָבן זיי געזאָגט. נאָך אַמאָל וועלען מיר ניט וואַרטן אויף דיר, די נאַרישער אינגל. אָבער דוד האָט גע־ענטפערט. ווען איך וועל ניט זיין און מיין מאַמע וועט זיין אַלט וועל איך דעם אינגעל דאַנקען וואָס וועט מיין מאַמען העלפן.

רבקה פייערשטיין

## אַן אומזיסטער שרעק

שבת פאַרטאָג זיינען מיר אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר. איך בין שנעל אַראָפּ פון בעט צו זען ווער עס איז געקומען אַזוי פרי. ווען איך האָב אויפגעמאַכט די טיר בין איך געוואָרן איבערראַשט ווען איך האָב געזען פאַר מיר אַ פּאָליסמאַן. ער האָט געזאָגט „שנעל, שנעל, גייט אַרויס ווייל עס איז דאָ אַ שרעקליכער רויך. עס מוז דאָ זיין ערגעץ אַ פייער“

פון זיין רעש זענען אַלע מענטשן פון הויז אויפגעשטאַנען, דער רויך איז געוואָרן מער און מער אָבער קיין פייער האָט מען ניט געזען. עמיצער איז דער וויייל געלאָפן רופן די פייערלייט. זיי זיינען אָנגעקומען פון אַלע זייטן.

אַז מיר האָבן ניט געזען קיין פייער זענען מיר צו געגאַנגען צום פענסטער. די פייערלייט האָבן געמיינט אַז מיר ווילן אַרונטער גיין האָבן זיי אויפגעשטעלט לייטערס אַז מיר זאָלן קענען אַרונטער.

איייניגע פון די פייערלייט האָבן דורכגעקוקט די גאַנצע געביידע אָבער קיין פייער האָבן זיי ניט געפונען. ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועק גיין האָבן זיי אין ווינקעל פון קעלער געפונען אַ פעסל מיט הייסן אַש. זיי האָבן אויס געשיט דעם אַש און געזען אַז פון אונטערן אַש ליגט אַ פייכטע שמאַטע און רויכערט זיך.

דורך עמיצענס נאַכלעסיגקייט האָבן מיר געהאַט אַ שרעק.

רבקה גאָלדמאַן
קלאַס ג - 2

## אַ צופאַל

איין טאָג האָב איך געבעטן מיין פאָטער אַז ער זאָל מיר נעמען צו אַ באַל־שפּיל. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער דאַרף אַוועקגיין. איך בין געווען זייער אַנטוישט ווען ער האָט מיר דאָס געזאָגט. וויייל איך בין געווען פריי פון שול און איך האָב ניט געהאַט וואָס צו טאָן אָדער וואו צו גיין. מיינע פריינט זיינען אַוועק געגאַנגען.

שפּעטער אַרום פיר אַזייגער האָט אָנגעהויבן רעגענען און איך האָב נישט געדאַרפט אַרויפגיין אין הויז. ס'האָט מיר נאָך מער פאַרדראָסן וואָס איך בין ניט געגאַנגען צום באַל־שפּיל.

ווען מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען האָט ער מיר געזאָגט, „ס'איז גוט וואָס איך האָב דיך ניט גענומען צום באַל־שפּיל“. „פאַרוואָס?“, האָב איך אים געפרעגט. האָט ער געענטפערט, „וויייל ווען עס האָט אָנגעהויבן רעגענען איז אַ מאַן געפאַלן אין באַל פּאַרק ווען ער האָט געוואָלט אַרויסגיין זיינען אייניקע מענטשן געפאַלן אויף אים און ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק. אייניקע זיינען דערהרגעט געוואָרן און אייניקע זיינען פאַרוואונדערט געוואָרן און אויב די וואָלסט געגאַנגען וואָלסטי אפשר דערהרגט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן“.

איך האָב געהאַט מיטלייד אויף די מענטשן וואָס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן און איך בין געווען צופרידן וואָס איך בין ניט געווען צווישן זיי.

קלמן טיקמאַן
11 יאָר קלאַס ג - 2

## צוויי העזעלאַך

אין אַ פאַבריק וואו מען מאַכט שפּילעכלאַך פאַר קינדער האָט מען געמאַכט צוויי העזעלאַך. מען האָט זיי פאַרקויפט אין אַ קראָם. די צוויי העזעלאַך זיינען געשטאַנען צוויי מאַנאַטן. איין טאָג איז אַ פרוי אַריינגעקומען אין קראָם און געקויפט די צוויי העזעלאַך. זי האָט זיי גענומען צו אַ קליין אינגעלע דאָס אינגעלע האָט זיך זייער געפרייט מיט די צוויי הייזעלאַך. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיי אַלע טאָג ביז ער האָט געהאָט אַ נייע שפּיל. ס'איז געווען בעסער פאַר די העזעלאָך ביים קינד אין שטוב וואו אין קראָם.

חנה סאָמבערג
10 יאָר קלאַס א־ 2

## אַ נאַטור ערשיינונג

איין מאָל בין איך אַהיים געגאַנגען פון קאָני איילאַנד מיט מיינע עלטערן און נאָך מענטשן וואָס וואוינען אין אונזער הויז. ווען מיר זיינען געקומען צו ברייטן ביטש, איז אַרונטער אַ רעגן מיט אַ שטורם. אַלע מענטשן וואָס זיי-נען געווען אַפן קאָר זיינען זייער דער-שראָקן געוואָרן ווייל עס האָט געדונערט און געבליצט און זיי האָבן אַלע געקווי-טשעט ווייל זיי זיינען געווען דער-שראָקן.

אונזער שכנה'ס אינגל איז געזעסן וואו דער מאָטערמאַן שטייט. די מוטער פון דעם אינגל איז געווען דערשראָקן און זי האָט אָנגעפאַנגען שרייען צו אים אַז ער זאָל אריינקומען אין קאָר ווען ער איז אריינגעקומען אין קאָר איז ער געווען אין גאַנצן נאַס. די קאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דעם ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט אַביסל איז די קאָר ווידער געפאָרן. ווען מיר זיינען געקומען צו אַ צווייטער גאַס איז דאָרט געווען אַ גרויסע פאַרפּלייצונג ווייל דאָרט זיינען ניט געווען קיין קאַנאַלן און דאָס וואַסער האָט ניט געקענט גיין אָבער מיר זיינען געפאָרן ווי עס איז. ווען מיר זיינען געקומען צו פּאַרק-ציר-קל האָבן מיר געזען, אַז דאָרט האָט ניט גערעגנט. מיר זיינען אַהיים געקומען און אין אונזער געגנט האָט עס אויך ניט גערעגנט. מיר האָבן אַלע זיך גע-וואונדערט וואָס עס האָט גערעגנט אין איין פּלאַץ און אין די אַנדערע פּלעצער ניט.

אסתר שטראַל
12 אַ האַלב יאָר אַלט, קלאַס ג-2

## אַ חלום

איין נאַכט ווען איך בין געשלאָפן האָב איך געחלומט אַז ס'איז אַ פייער אין שול. האָב איך געזאָגט צו מיין ברו-דער קלמן; „קלמן", האָב איך געזאָגט, „ס'איז אַ פייער אין שול. קום, מיר דאַרפן זאָגן די פייערלייט אַז ס'איז אַ פייער אין שול". מיין ברודער איז גע-שלאָפן און ער האָט מיר ניט געהערט.

איטעלע קאָרנשטיין
זיבן און אַ האַלב יאָר אַלט, קלאַס א-1

## מיין נייע לערערן

איך בין אויפגעשטאַנען זייער פרי דעם טאָג. און איך האָב געוואוסט אַז היינט וועל איך זען מיין נייע לערערן. זייער נייגעריק איך צו זען בין איך אוועק אין שול.

ווען איך בין אריין אין קלאַס איז זי געזעסן ביי איר שרייב-טיש און געשריבן. איך האָב גענומען דעם פּלאַץ וואָס די לערערן האָט מיר געגעבן און איך האָב אָנגעפאַנגען לייענען אַ בוך אַלע מאָל האָב איך אַקוק געטאָן אויף איר און זי האָט אויסגעזען זייער אַ שטרענגע איך האָב אָנגעפאַנגען בענ-קען נאָך מיין אַלטע לערערן. איך בין געווען כמעט זיכער **אַז אַלע מיינע** חברים בענקען אויך. איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות ווייל ווען אַלע קינדער זיינען שוין געווען אין קלאַס האָט זי זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, „קינדער איך בין זייער אַ שלעכטע און איר וועט עס געפונען זייער שווער אויסצוקומען מיט מיר. איך בין זייער אַ בייזע און אַ שטרענגע". **אַרבייט** האָבן מיר ניט געהאַט ווייל זי איז גע-ווען פאַרנומען. און עס איז געוואָרן צייט צו גיין עסן מיטאָג.

ווען איך בין אַהיים געקומען האָט מיין מאַמע מיך געפרעגט מיין מיינונג וועגן דער לערערן. איך האָב איר גע-זאָגט „זי איז זייער **אַ שלעכטע און אַ** בייזע. „**דו וועסט בייטן דיין מיינונג**" האָט מיר מיין מאַמע פאַרזיכערט. און איך בין נאָכאַמאָל אוועק אין שול.

אָבער אַלץ איז געווען אַנדערש איצט זי האָט זיך געוויצלט. אונדזער מורא איז אוועק פון אונדז און מיר זיינען געוואָרן פריילאַך. דריי אַזייגער האָבן מיר געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן דער לערערן.

שפרה קאַפּלאַן
11 יאָר אַלט קלאַס ג-2

## אַן אומגליק

שבת אינדערפֿרי האָט זיך געהערט אַ טומל אין קאָרידאָר. אַ קינד 10 יאָר אַלט האָט געשריִען העלפֿט! ראַטע־וועט! אַ שכנה איז אַריינגעלאָפֿן און באַלד איז קלאָר געוואָרן די מעשה.

שרה׳לעס מאַמע איז געווען איינגע־לאַדן צו אַ גראַדואירונג שמחה, זי איז געגאַנגען קויפֿן אַ פּאָר זאָקן פֿאַר שרה׳לע. לייביש דאָס עלטסטע קינד האָט געלייענט אַ בוך. שרה׳לע האָט געוואָלט עפּעס טאָן וואָס זאָל איר אַמו־זירן, זי האָט גענומען שוועבעלאַך און זיי אָנגעצונדן. באַלד האָבן אירע קליי־דער אָנגעפֿאַנגען ברענען, אויך אירע האָר. לייביש האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט איר אָפּגעגאָסן מיט וואַסער אירע קליידער זייַנען פֿאַרלאָשן געוואָרן אָבער אירע האָר ניט. אַ שכנה איז אַריינגעלאָפֿן און איינגעוויקלט דאָס ברענענדיקע קינד אין אַ קאָלדרע. כּמעט אַלע מענטשן וואָס וואוינען אין הויז זייַנען אַריינגעלאָפֿן.

מען האָט גערופֿן אַ דאָקטאָר און ער האָט געדענקט אַז די בעסטע זאַך איז צו רופֿן אַן „אַמבולאַנס“. ווען שרה׳לעס מוטער איז אָנגעקומען איז אַ שוידער דורך געלאָפֿן איר לייב. מסתמא האָט עפּעס ביי מיר געטראָפֿן, זי האָט גע־וואוסט אַז שרה׳לע איז זייער אַ ווילדע ווען זי איז אַרויפֿגעקומען האָט זי גע־זען אַז עס איז טאַקע ביי איר.

מען האָט דאָס קינד אַוועק גענומען אין שפּיטאָל. דעם זעלבן טאָג איז זי געשטאָרבן.

שפֿרה קאַפּלאַן
קלאַס ג־2

## ער האָט חרטה געהאַט

אַמאָל איז געווען אַן אָרימע פֿרוי. זי האָט געוואוינט אין אַן אָרים שטיבל אַליין. איר נאָמען איז געווען שרה. און מען פֿלעגט איר אַלע מאָל רופֿן די אָרימע שרה. ווען ס׳איז געווען זומער האָט זי געפֿילט פֿריילאַך, ווייל ס׳איז איר געווען וואַרים. און דערפֿאַר האָט זי זומער ליב געהאַט, אָבער ווען ס׳איז געווען ווינטער איז איר געווען קאַלט און זי פֿלעגט דאַרפֿן זוכן האָלץ אין אַ רייכן מאַנס קעלער. דעם רייכן מאַנס נאָמען איז געווען בנימין אָבער מען האָט אים גערופֿען קאַרגער בנימין. ווייל ער האָט קיינעם ניט געגעבן קיין נדבה.

איינמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער טאָג איז שרה געגאַנגען נעמען האָלץ פֿונם קעלער. זי האָט גענומען וויפֿיל זי האָט געקענט. פּלוצלינג דערפֿילט זי אַז אַ האַנט האַלט איר. זי דערזעט בנימין דעם קאַרגען און בנימין זאָגט „אהאַ איצט ווייס איך ווער ס׳נעמט אַלע מאָל מיין האָלץ. שרה האָט ביטער געוויינט. און געזאָגט „מיר איז געווען זייער קאַלט“. און זי האָט אַרונטערגעוואָרפֿן דאָס האָלץ און אַוועקגעגאַנגען אַ דער־פֿרוירענע.

נעקסטן טאָג האָבן די מענטשן פֿונם שטאָט געהערט וואָס האָט פּאַסירט און האָבן בנימינען פֿאַרשעמט פֿאַר זיין פֿאַמיליע און ער האָט געפֿילט זייער שולדיג און איז אַריין אין קעלער און גענומען אַ סך, אַסך האָלץ און געקומען צו שרה׳ס שטיבל און געזאָגט „נאַדיר שרה דאָס האָלץ און ווען די דאַרפֿסט האָלץ קום צו מיר און איכל דיר געבן וויפֿיל די דאַרפֿסט און ער איז אַוועק־געגאַנגען פֿריילאַך.

אליהו לוסטיג
11 יאָר אַלט — קלאַס ב־2

## אַ חלום

איין מאָל האָב איך געחלומט אַז אין שול איז אַ פֿייער און די קינדער און איך ווערן צעבראַנט. פּלוצלונג איז געקומען פּאָליציי און פֿייער לייט און געראַטע־וועט די אַנדערע קינדער אָבער זיי האָבן פֿאַרגעסן אַז איך בין אין שול.

איך בין געפֿאַלן אַפֿן דיל און געחלומט פּלוצונג דערהער איך מיין מאַמעס קול און זי זאָגט צו מיר, זע נאָר בנימין די ליגסט אַפֿן דיל ניט אַפֿן בעט.

פֿון עובדיה לוסטיג
9 יאָר אַלט, קלאַס א - 2

## שרה

שרה איז אריינגעקומען אין צימער אַ פאַרפלאָמטע און אַ פאַרסאָפּעטע, שטיל פאַרמאַכט די טיר, און זעענדיג אַז איר מוטער שלאָפט איז זי אָוועקגעפאַלן אויף אַ שטול אַמידע און אַ הונגעריקע. אָבער זי איז ניט לאַנג אַזוי געזעסן, ווייל באַלד האָט זי געזען אַז איר מאַמע איז וואַך. זי איז שנעל צוגעלאָפן צום בעט וואו אַ יונגע אָבער פאַרוועלקטע פרוי איז געלעגן איבערגעדעקט ,מיט שמאַטעס „ס'איז דו שרהלע", האָט געפרעגט די מאַמע קרעכצענדיק. „יאָ מאַמע, ווי פילסטו?" האָט שרה געפרעגט, „ניט אַזוי גוט ווי איך וואָלט געוואָלט אַז איך דערמאָן זיך נאָך ווי שווער דו אַרבעטסט ווערט מיר נאָך ערגער", האָט געענטפערט די מאַמע שטיל און פאַמעליך. „זאָגר זיך ניט, מאַמע", האָט שרה געזאָגט גלעטענדיק איר מוטער'ס שטערן, „איך האָרעווע ניט אַזוי שווער. עס איז ניט געפערליך".

זיי זיינען ביידע געווען שטיל פאַר אַ פּאָר מינוט נאָר דאָס שווערע אָטעמען פון דער קראַנקער מוטער האָט זיך געהערט. „ווייסט מאַמע", האָט שרה ווידער געזאָגט, „איך האָב געבראַכט אַ ביסעלע מילך פאַר דיר. אַז דו וועסט עס טרונקען וועסטו אין גיכן שטאַרק ווערן און נאָכאַמאָל קאָנען אַרומגיין." „ניין, קינד מיינס, טרינק עס דו. דו דאַרפסט עס מער פון מיר. — איך האָב מורא אַז איך וועל שוין קיין מאָל ניט שטאַרק ווערן", האָט שטילערהייט געענפערט די מאַמע. ווען שרה האָט געהערט די ווערטער האָט זי, פאַרשלינגענדיק אירע טרערן, געענטפערט אַ געמאַכט פריילאַך קול, „דו וועסט עס יאָ טרונקען, מאַמע, ווייל היינט האָב איך געקראָגן באַצאָלט און איך האָב געקויפט גענוג מילך פאַר אונדז ביידע.

שרה האָט שנעל אָנגעוואָרמט די גלאָז מילך וואָס זי האָט געקויפט און עס געגעבן דער מאַמען. די מאַמע האָט עס פאַמעליך אויסגעטרונקען און דערנאָך שטיל געליגן קוקענדיק אויף איר טאָכטער, ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן פון שוואַכקייט.

שרה האָט דערווייל אָנגעהויבן אויפראַמען דאָס צימער, דעם איינציגן וואָס זיי האָבן געהאַט און וועלכער האָט געדינט פאַר אַ קיך, עסצימער, און שלאָפצימער. ווען זי האָט געענדיקט האָט זי גענומען אַ בוך און אַוועקגעזעצט זיך לעבן איר מוטער'ס בעט לייענען. כאָטש זי איז יעצט ניט געגאַנגען אין שול האָט זי דאָך גענומען וויסענשאָפטלאַכע ביכער פון שטאָט ביבליאָטעק און געלערנט אַליין.

שרה'ס לעבן איז געווען אַ געמוטשעטס זינט זי האָט געקאָנט געדענקען זיי זיינען אַלע מאָל געווען אָרים און צופרידן מיט אַ שטיקעל ברויט. אָבער ווען דער טאַטע האָט געלעבט איז געווען נאָך ווי ניט איז — מען איז גאַנץ אָפט געווען פריילאַך און צופרידן. זי האָט ניט געהאַט קיין לוקסוסן ווי אַנדערע קינדער אָבער זי איז געווען פריילאַך. ווען דער טאַטע האָט געהאַט אַ פרייען מאָמענט פלעגט ער איר דערציילן אַזעלכע שיינע זאַכן. און ווען ער איז געווען פאַרנומען האָט זי געהאַט ביכער צו לייענען. און אַזוי זיינען פאַרבייגעגאַנגען די ערשטע צוועלף יאָר פון שרה'ס לעבן.

שרה'ס פאָטער האָט געאַרבעט אין אַ פלאַץ וואו זיינע פיס זיינען תמיד געווען אין וואַסער. און כאָטש ער האָט געטראָגן גומענע שטיוול דאָך זיינען זיינע פיס געווען נאַס. מיט אַ דריי יאָר צוריק האָט ער אָנגעהויבן שרעקלאַך ליידן אַף די פֿיס און פלעגט שטענדיק הוסטן. שרה האָט דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט וואָס עס מיינט אָבער יעצט ווייסט זי אַז ער האָט געהאַט „קאָמפּסאָמפּשאָן". אָבער כאָטש ער האָט געפילט אַזוי שלעכט האָט ער ניט געהאַט קיין צייט וועגן זיין געזונט צו טראַכטן און ער פלעג זיך שלעפּן אין שאַפּ אַריין אפילו ער האָט געפילט אַז ער גייט אויס. אַזוי זיינען אַוועק זעקס מאָנאַטן. איין טאָג איז ער

אַהיים געקומען און גלייך אוועקגעפאַלן אויפן בעט. נאָך אַכט שרעקליכע טעג אין וועלכע ער איז יעדן טאָג געוואָרן דינער און בלייכער איז ער געשטאָרבן.

שרה און איר מוטער האָבן געדונגען אַ צימער אין דער ערגסטער טייל פון שטאָט, כדי עס זאָל זיין ביליג, און האָבן דאָ געוואָנט. שרה'ס מאַמע איז געגאַנגען אַרבעטן און שרה אין שול, ביז זי וועט זיין פערצן יאר און קריגן „וואָרקינג פּייפּערס" אָבער אַפילו ווען זי איז געווען פערצן יאר אַלט האָט איר די מאַמע ניט געלאָזט גיין אַרבעטן נאָר איר געהייסן וואַרטן ביז זי וועט ענדיגן מיטל שול. אַזוי איז אַוועק די צייט ביז מיט עטליכע חדשים צוריק. די מוטער איז פּלוצלונג זייער קראַנק געוואָרן פון אַזוי פיל צרות און שווערער אַרבעט, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז זי מוז גיין אין „קאָנטרי". אָבער דאָס איז געווען אוממעגלך. שרה האָט אויפגעהערט גיין אין שול און געגאַנגען אַרבעטן און איר מוטער איז געלעגן גאַנצע טעג אין בעט און געטראַכט וועגן איר ביטער מזל.

דריי מאָל אין טאָג איז אַריינגעקומען אַ שכנה זען צו זי דאַרף עפּיס, ווייל קיין „נוירס" האָט מען זיך ניט געקאָנט פאַרגינען. ווען שרה איז אַהיים געקומען האָט זי צוגעראַמט דאָס צימער און האָט אָפט אַמאָל אַ הונגעריקע זיך גענומען לערנען. אָבער דאָס מאָל האָט זי ניט געקאָנט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען. זי האָט געהאָלטן אין איין קוקן אויף איר מוטער. ווי שווער זי אָטעמט עפּעס פּלוצלונג האָט זי געהערט אַ שטאַרקן קרעכץ. „וואָס איז מאַמע", האָט זי געפרעגט. אוי, אוי.. איז געווען דער מוטערס איינציגער ענטפער, שרה איז שנעל אַרויסגעלאָפן רופן דעם דאָקטער. ער איז באַלד געקומען און געגעבן דער מאַמען אַן „אינדזשעקשאָן" און זיך אַנידער געזעצט וואַרטן אַפן רעזולטאַט. שרה איז געזעסן און געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר מוטער. אַזוי זיינען פינף מינוטן פאַראיבער געגאַנגען און שרה האָט פּלוצלונג געהערט אַ שטאַרקען קרעכץ. זי איז שנעל צוגעלאָפן צו דער מאַמען.

וואָס איז, מאַמע, וואָס איז. „אָבער דאָס מאָל האָט זי קיין ענטפער ניט געקראָגן. נעמענדיק איר מוטער'ס האַנד האָט שרה געזען אַז זי איז קאַלט. באַלד האָט זי פאַרשטאַנען דעם שרעקליכן אמת. פאַר אַ מינוט איז זי אַזוי געזעסן ווי אַ צעטומעלטע. ניט געוויינט אָדער געשריען נאָר געזעסן אַזוי באַוועגלאָז. אָבער זי איז ניט לאַנג אַזוי געבליבן, פּלוצלונג האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק לאַכן און וויינען אין דער זעלבער צייט. ווען אנאַנדער מענטש, חוץ דעם דאָקטער, וואָלט דאָרט געווען וואָלט ער זיכער געמיינט אַז זי איז משוגע אָבער דער דאָקטאָר האָט זי צו רו געלאָזט ביז זי איז שטיל געוואָרן.

דערווייל זיינען זיך צוזאַמען געקומען עטליכע שכנות און זיי האָבן צונויפגערופן די משפּחה. זיי האָבן אַלע געפּרואווט זי אַביסל באַרואיקן אָבער עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן ווייל דעמאָלט האָט זי ערשט דערפילט איר שרעקליכן אומגליק און האָט אַזוי אָנגעהויבן צו וויינען אַז עס געווען אוממעגליך זי צו באַרואיקן.

דער דאָקטער וועלכער איז געווען אָ גוטער פריינט פון זייער פאַמיליע, וויסענדיג אַז זי איז אַ פלייסיגע, האָט איר פאָרגעלעגט אַז זי זאָל אַרבעטן ביי אים אין אָפּיס. זי האָט אים זייער געדאַנקט און האָט אָנגענומען.

אַרבעטנדיק ביים דאָקטאָר האָט זי באַשלאָסן אַז זי וויל זיין אַ נוירס. דער דאָקטער האָט איר אַריינגעגעבן אין אַ שפּיטאָל. זי איז געווען זייער איבערגעגעבן צו איר אַרבעט און העלפנדיק די קראַנקע האָט זי דערווייל אַביסל פאַרגעסן אין אירע צרות.

חיה טשודנאָווסקי
14 יאר קלאַס ג 2

## ביים ים.

מיר זיינען געוועזן א גאנצן זומער ביים ים. איינמאָל ווען איך בין געווען אין וואסער האָב איך געזען ווי א מאן ווערט דערטרונקען, איך בין געלאָפן צו די שומרים, איך האָב זיי געזאָגט אז א מאן ווערט דערטרונקען. די שומרים זיינען געלאָפן אין וואסער איינער פון די שומרים האָט גענומען א קליין שיפל און שנעל געקומען צו דעם אָרט וואו דער מאַן איז געווען ער האָט אים גענומען אפן שיפל.

ער האָט דאָס צו געפירט זייער שנעל צום ברעג. זיי האָבן אים גענומען ראַטעווען. און ווען מען האָט אים אָפּגעמונטערט האָט ער געזאָגט אַז זיין נאָמען איז דוד וועטמאַן.

ווען די שומרים האָבן געזען אַז ער פילט בעסער האָבן זיי געזאָגט אַז ער קען גיין אַהיים. ער האָט די שומרים געדאַנקט און מיר אויך און איז געגאַנגען אַף זיין וועג פריילאַך.

קלמן קאָרנשטיין
11 א אַלב יאַר קלאַס ב

---

## טייערע קינדערלאַך!

אייערע ליבע הילכיגע „קינדער קלאַנגען" זענען ווי זיסע מוזיק פאר אונז, און דער בעסטער שכר פאר אונזער אַרבעט פאר דער שול.

מיר האָפן און ווינשן אייך אַז דער אָפּקלאַנג פון אייערע „קינדער קלאַנגען" זאָל וועקן און רופן אייערע עלטערן און זיי אריינגעבן דעם חשק צו העלפן אייער שול וואַקסן און אַנטוויקלען זיך.

---

די פאַרוואַלטונג:

י. בערקענבליט, פּאַרזיצער

ב. העלבאַן, פינ. סעק. און קאסירער

מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג

| חברות | חברים: |
|---|---|
| העלבאַן | גאָלדשטיין |
| טיקמאַן | טיקמאַן |
| לוסטיק | סאַלאָוויי |
| פרידמאַן | סאָלקין |
| קאַפּלאַן | פרידמאַן |
| קאָרנשטיין | קורמאַן |
| שטיין | |


גיט אייערע קינדער
**אַ אידישע דערציאונג**
שיקט זיי אין דער
**וויליאַמסבורגער פאָלק שול**
28 לי עוועניו ברוקלין

ליבע יונגע חבר'טעם און חברים'לאך
מיר באַגריסן אייך הארצליך
צו אייער אַרויסגעבן פון
אייערע שאַפונגען

| חברים | חברות |
|---|---|
| בריינים | סילווערשטיין |
| מאקסאַן | סמיט |
| שניידערמאַן | אַרענבאַק |
| פרידמאַן | עלמאַוויטש |
| קעלער | גאלאמביק |
| פאווערס | |
| שניידער | גרופע פון |
| וואלאס | בראָנזווילער |
| קעסטען | פועלי ציון פאראיין |
| שודראוו | |
| רודניצקי | |

באַגריסונג פון
חבר ד. קענטאַר
ס. מאַנדעל
ב. באלעוויץ
ב. בוכשטיין
מ. מייענהיים

א הארציקע באַגריסונג
פון די
וויליאַמסבורגער
פועלי - ציון

טעלעפאָן אָרטשארד 4980
י. לידסקי
אידישע און ענגלישע ביכער, אלע
שול-מכשירים, פאונטן-פענס
202 איסט בראָדוויי ניו יארק

באַגריסונג פון
מר. און מרס. קאַסס

באַגריסונג פון
חברה גיטל האָפמאַן
און אלימלך קאָרן

באַגריסונגען פון:
חבר ה. נעטטער
179 עמבאָי סט.
ברוקלין, נ. י.
מר. און מרס. גאראש
מר. און מרס. ליוויי
מר. און מרס. סאמבערג
מר. און מרס. סטיין
מר. און מרס. גאָלדמאַן
מר. און מרס. סאָמער
מר. קאַפלאַן
מרס. שאָלטץ

Good Teeth - Good Health
— Consult —
Dr. Charles L. BERMAN
*Surgeon Dentist*
192 So. 9th STREET
Brooklyn, N. Y.
Phone Stagg 8084

מיר באַגריסן
די וויליאַמסבורגער
פאָלקס שול
מר. און מרס.
מוטשניק
222 ראַדני סטריט
ברוקלין, נ. י.

Compliments of—

**Helbon & Caner**

PAINTERS, DECORATORS AND

PAPER HANGERS

155 Lee Avenue Brooklyn

## אַ באַגריסונג!

מיט צופרידנהייט קוקן מיר אויפן געביט פון אונזער מאדערנע אידישע דערציאונג.

מיר באַגריסן אייך הארציק צו אייער יום־טוב. מיר זיינען מיט אייך.

**די פארבאנד קרעדיט יוניאן.**

באַגריסונג פון

חבר און חברה י. בערקענבליט

באַגריסונג פון

חבר און חברה ב. פרידמאַן

באַגריסונג פון

חבר א. ב. קורמאן

— און —

חברה בתיה קורמאן

באַגריסונג פון

חבר און חברה טשודנאָווסקי

באַגריסונג פון

חבר און חברה קאָרנשטיין

באַגריסונג פון

חבר און חברה טיקמאַן

*Compliments of—*

**A FRIEND**

*Compliments of—*

**EUROPEAN PHONOGRAPH CO.**

LOUIS A. TITEFSKY, *Prop.*

***Victrolas, Radios, Pianos***

10th STREET and AVENUE A
Brooklyn, N. Y.

Phone Stagg 6262

**Dr. LOUIS J. WESELEY**

383 HEWES STREET
Cor. So. 3rd Street Brooklyn

*Compliments of—*

**Dr. REINHARDT**

461 BEDFORD AVE.
Brooklyn, N. Y.

*Compliments of—*

MR. and MRS
**I. FEIERSTEIN**

99 DIVISION AVE.
Brooklyn, N. Y.

*Compliments of—*

**Dr. R. LEHRMAN**

605 BEDFORD AVE.
Brooklyn, N. Y.

Phone Stagg 6292

**MAXIS CLOTHES SHOP**

***Quality Clothes***

385 Broadway Brooklyn

Louis Harris

**LANCE MOTOR SALES**
**Corporation**

***Hudson - Essex***
***Motor Cars***

337 Roebling Street Brooklyn

*Compliments of—*

**LASKAS Inc.**

***Artistic Flourist***

270 Broadway Brooklyn
Phone Stagg 8067

Tel. Stagg 2124-2663-4048

**KAHN'S PHARMACY**

79 LEE AVENUE

Cor. Rodney Street Brooklyn

*Compliments of—*

**PREMIUM NOVELTY CO.**

398 So. 3rd Street Brooklyn

*Patronize the*

**BEDFORD**

***Wet Wash Laundry***

44 WALWORTH STREET

Phone Williamsburg 2433—Ask No. 6

*Compliments of—*

**FRANK LEE**

***Diamonds and Jewelry***

568 CHRISTOPHER AVENUE

Phone Louisiana 7931 Brooklyn

*Compliments of—*

**A FRIEND**

Telephone Connection

**F. L. NAGEL, Ph. G.**

***Reliable Pharmacy***

Prescriptions Carefully Compounded

COR. LEE AVE. and HOOPER ST.
Brooklyn, N. Y.

*Compliments of—*

**Dr. MAXWELL KAUFMAN**

170 Leonard Street Brooklyn

Compliments of

**I. WASSERMAN**

***General Dry Goods***

Retail at Wholesale Prices

55 Lee Avenue Brooklyn

Phone Williamsburg 4778

**LOUIS GROSSMAN'S**

***Dairy***

*Specializing in*

BUTTER, EGGS and CHEESE

137 Lee Avenue Brooklyn

Tel. Williamsburg 2659—Stagg 10391

**PAUL HUDE'S**

***Garage***

Storage - Supplies

56-64 Hopkins Street Brooklyn

*Compliments of—*

**HARRY LESHIN, M.D.**

156 So. 9th Street Brooklyn

*Compliments of—*

**S. SUSMAN, D.D.S.**

175 Eastern Parkway Brooklyn

Phone Beekman 1471

**MORRIS H. GRUBMAN**

***Real Estate***

INSURANCE BROKER

81 Fulton Street New York

**M. LASKOWITZ**
*Up-to-date*
***Ladies and Infants Wear***
77 LEE AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**SIMON NOVER**
***Furrier***
191 DIVISION AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**SPRUNG & GRATT**
***Fresh Fruits and Vegetables***
80 LEE AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**B. JUROW, Inc.**
***Millinery Importer***
121 TOMPKINS AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**MORRIS MANDELSBERG**
***Bakery and Lunch Room***
435 BEDFORD AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**OROL BROS. ....**
***Cleaners and Dyers***
149 Tompkins Avenue Brooklyn

**H. LIPKIN**
LADIES, and GENTS' RNISHIN
Ladies' and Gents'
FURNISHINGS
*and Infants Wear*
613 Marcy Avenue Brooklyn

**SAM MEROW**
***Housefurnishings***
142-144 LEE AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**M. F. MANDIBERG**
*Kosher*
***Delicatessen & Lunch Room***
655 Sutter Avenue Brooklyn

**SAM ROSNER**
***Meat and Poultry Dealer***
117 Lee Avenue Brooklyn

**Compliments of**
**Mme. J. OSTROLENG**
183 Taylor Street Brooklyn

*Compliments of*
**Dr. KATZ**
80 LEE AVENUE
Brooklyn, N. Y.

Phone Stagg 0741

**PETER PAN**

**Shoe Stores**
*Children's Shoes Exclusively*

313 ROEBLING STREET
Near Broadway Brooklyn

**Compliments of**
**GILDA HOSIERY CO.**

*Compliments of*
**Mr. and Mrs. GABOR**

*Compliments of*
**LEWIS ROZLANSKY**
552 Snediker Avenue Brooklyn

**THE ROSS CLEANERS and DYERS**
169 Ross Street Brooklyn

**QUEEN**
**Childrens Dress Shop**
33 LEE AVENUE

**SLATKINS DELICATESSEN**
167 DIVISION AVENUE

**J. SICKER**
*WATCH REPAIRING*
185 DIVISION AVENUE

**Compliments of**
**NELSON'S**
**Ross St. Market**

*Compliments of—*

**Dr. I. MENKEN**

2187—3rd Avenue New York

*Compliments of*
**NATHAN SAN**
446 BEDFORD AVENUE

*Compliments of*
**SAMUEL COOPERMAN**
87 East 96th Street Brooklyn

**Compliments of**
**H. HOTKIN, Pharmacist**
541 Wythe Avenue Brooklyn

**Compliments of**
**LEHRMAN & FEIN**
73 LEE AVENUE
Brooklyn, N. Y.

**Compliments of**
**NATHAN GILLMAN**
134 Broadway Brooklyn

**BRUSTOWSKY'S BAKERY**
155 DIVISION AVENUE
Brooklyn, N. Y.

*Compliments of*
**Mr. and Mrs. TEPPER**

**Compliments of**
**Dr. NEWMAN**

**KAMMEN**
**Private School of Music**
305 Roebling Street Brooklyn

## ווערט אַ מיטגליד

— פון —

## שלום עליכם בר. 24

## אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

אונזער ברענטש האַלט אָפּ זיינע זיצונגען אין שול זאל

28 לי עוועניו, ברוקלין, נ. י.

יעדן ערשטן און דריטן פרייטיק אין מאָנאַט.

פאַר אינפאָרמאַציע זיך ווענדן צו אונזער סעקרעטאַר:

## בר. 35 פון א. נ. א. פ.

באַגריסט און שיקט האַרציקע

ברכות

צו דער וויליאַמסבורגער

פאָלק שול.

**י. מישקאָווסקי, סעק.**

## בר. 14 פון א. נ. א. פ.

## באַגריסט מיט פרייד

די וויליאַמסבורגער

פאָלק שול

צו דער ארויסגעבונג פון זשורנאַל

„קינדער-קלאַנגען"

**פינקעל, סעק.**

## דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין

ווערט געשלאָסן דעם 15טן יולי. אַלע וויליאַמסבורגער חברים ווערן אויפגעפאָדערט צו באַצאָלען גלייך זייערע פאַרפּליכטונגען נישט שפּע־טער פון דעם אָנגעגעבענעם דאַטום

## שיקט אייערע טשעקס צו:

**NATIONAL**

**LABOR COMMITTEE**

32 Union Square New York

Phone Stuyvesant 3365

# דעם 4טן יולי

הויבט אָן ערשיינען אַ אידיש וואכענבלאַט, די

# "ברוקלינער אידישע שטימע"

רעדאַקטירט פון דעם גוט בעקאַנטען זשורנאַליסט

## דר. יחזקאל וואַרטסמאַן

די „ברוקלינער אידישע שטימע" וועט דיענען די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון די אידען אין אַלע טיילען פון גרויס-ברוקלין

סובסקריפשאַן פרייז: בלויז $2.00 אַ גאַנץ יאָר.

**BROOKLYN JEWISH VOICE**

305 WASHINGTON STREET
EAGLE BUILDING
Room 302
Brooklyn, N. Y.

Phone Main 5399

*This Journal was printed by*
**the Osborn Press, Inc.**
115 OSBORN STREET
DICKENS 3141

# אַ באַגריסונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאַנד.

טייערע חברים און חברות: —

די גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַר־באַנד, שיקט אירע ווארעמסטע ברכות צו דער פארוואלטונג פון דער וויליאַמסבורגער פאָלק שול צו די ביז־איצטיקע דערפאָלגן פון דער שול.

אייער ארבעט אויפן געביט פון אַ מאָדערנער אידישער דערציאונג פארדינט די הארציקסטע אַנערקענונג פון אַלע די וואס שטרעבן צו זען אַ געזונטן אידיש נאַציאָנאַל קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע.

זעצט פאָר אייער וויכטיקע ארבעט, און נעמט צו אונזערע האַר־ציקסטע וואונטשן פער דערפאָלג.

גענעראַל עקזעקוטיווע פון א. נ. א. פ.

ל. סיגאַל, סעקרעטאַר

---

## צו דער פארוואלטונג פון דער וויליאַמסבורגער פאָלק שול!

טייערע חברות און חברים,

מיט פרייד האָבן מיר אויפגענומען דעם באריכט, אז אייער — אוניער שול, גיט ארויס אַ זשורנאַל קינדער־שאַפונגען.

מיר פרייען זיך באמת חברים, וואס די שול האָט פאר דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ, דערגרייכט צו אַ שטופע וואס קען אונז געבן אָט די מתנה אין וועלכער מיר זעען די ממשות'דיקע דער־גרייכונגען פון די תלמידים און תלמידות.

אונזער ברענטש, האָט ביז איצט, געטאָן פאר דער שול אַלץ וואס איז געווען מעגליך אונטער די אומשטענדן.

מיר ווילן אייך פארזיכערן חברים, אז אויך אויף ווייטער וועלן מיר אייך געבן אונזער פולסטע מיטהילף.

מיר האָפן, אז אונז וועט זיך, סוף כל סוף, איינגעבן אָוועקשטעלן די שול, אין יעדער הינזיכט, אויף דער הויך וואס מיר אַלע וואָלטן זי געוואָלט זען.

פאר דעם שלום עליכם בר. 24

א. נ. א. פ.

פ. לעשנער, סעקרעטאר

$2.00 אַהין און צוריק צו פאָהרען

— אין —

# אונזער קעמפּ

(הײלאַנד מילס, ניו יאָרק)

**זומער-הײם פון אידיש נאַציאָ-
נאַלען אַרבײטער פאַרבאַנד.**

א זומער-פּלאַץ צו פאַרברײנגען
גוט און שעהן.

חבר'שע סביבה עסן פון דאָס בעסטע!

שעהנע צימערען, טענטס, באָדען און
שווימען, אַלערלײ ספּאָרט-פעלדער,
קאָנצערטען, לעקציעס, מוזיק, טענץ

רעגיסטרירט אײערע קינדער אין
„קינדערוועלט"
— פון —
אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער
פאַרבאַנד
הײלענד מילס, ניו יאָרק

**דר. סײמאָן הירשדאָנסקי**

באוואוסטער פּעדאַגאָג, איז פאַרזיצער
פון קינדערוועלט קאָמיטעט.

א. מײעראָוויטש, דירעקטאָר

ספּעציעלע דירעקטאָרען זײנען אָנגע-
שטעלט פאַר פאַרשײדענע קונסט-און
ספּאָרט-טעטיקײטען.

רעגיסטרירט אײערע קינדער איצט,
וואָרום שפּעטער וועט פּיליכט זײן
צו שפּעט.

אינגלאַך און מײדלאַך אין עלטער פון 7
ביז 16 יאָר. קינדער ווערן אָנגענומען
פאַרן פולן סעזאָן — 10 וואָכן, און
און פאַרן האַלבן סעזאָן — 5 וואָכן.
מינימאַלסטע פּרײזן און אמת'ע
חבר'שע באַהאַנדלונג. פאַר מער אינ-
פאָרמאַציע ווענדט זיך אין אָפיס פון
„קינדערוועלט", 189 — צווייטע עוו.,
ניו יאָרק. — טעל. סטײװעסאַנט 3072

Phone Williamsburg 1214-1215

פאַר דער בעסטער קאַפע און טײ

**ABRAHAM M. GOFFMAN**

***Coffee Mills***

Importers and Roasters
COFFEE, TEA AND SPICES

*Coffee Roasted Daily*

238 Flushing Avenue Brooklyn

חבר הײמאַן קאַנטאָר
פון בר. 24 א. נ. א. פ.
באַגריסט די
**וויליאַמסבורגער
פאָלקס שול**

זעקסטער יערלאַכער
**עקסקורשאָן**
פון ניו יאָרקער שטאָט קאָמיטעט
— פון —
**אידיש נאַציאָנאַלען
אַרבעטער פאַרבאַנד**
זונטאָג 9 פרי, דעם 23טן יוני, 1929
אויף דער גרויסער שיף
**רענזעליער**
צו די וואונדערבאַרע בער מאָנטיינס
**א שענער פּראָגראַם**
מיט דער באַטײליגונג פון כאָר
און מאַנדאָלין
אָרקעסטער אין טרומפּעלדאָר סאָקער
טים, און נאָך פאַרשײדענע אַנדערע
פאַרוויילונגען.
בילעטן אין אָפיס פון פאַרבאַנד,
189 צווייטע עוועניו, נ. י.